**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/21/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט לענדמארקס וועלן אויפגעלאכטן ווערן אין פערפל, בלוי, רויט, און ראזע צו אנערקענען "באָרן דיס וועי" פאנדעישען'ס #BEKIND21 קאמפיין

***11 סטעיט מערקפונקטן אויפגעלאכטן צו ווערן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז עלעף סטעיט לענדמארקס וועלן אויפגעלאכטן ווערן אין פערפל, בלוי, רויט, און ראזע אום דינסטאג, סעפטעמבער 21, אויף אנצומערקן דעם "באָרן דיס וועי" פאנדעישען'ס יערליכע #BeKind21 קאמפיין צו בויען מער גמילות-חסד'יגע און מער באהאפטענע קאמיוניטיס וואס העלפן צו גייסטישן געזונטהייט צושטאנד.

"די היינטיגע יוגנט גרופעס שטייען אויס אנגעשטרענגטקייט צו זייער מענטאל-העלט וואס מען האט זיך גארנישט געקענט פארשטעלן אין די דורות נישט מער ווי עטליכע צענדליגע יארן צוריק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** עס איז העכסט-נייטיג אז מיר זאלן דערמוטיגן גייסטישע געזונטהייט צווישן זיי און זיכער מאכן אז זיי קענען גרינג אנקומען צו אזעלכע סארט הילף וואס איז נויטיג אויף זיך צו האלטן זיכער און געזונט. איך וויל דאנקען "לעידי גאַגאַ" און דער "באָרן דיס וועי" פאנדעישען פאר זייער אומערמידליכע ארבעט און זיי לאזן וויסן אז ניו יארק סטעיט גייט מיט זיי אינאיינעם אויף יעדער טריט און שריט."

**"לעידי גאַגאַ", גרונדערין פון דער "באָרן דיס וועי" פאנדעישען, האט געזאגט**, "איך בין אזוי טיף פארליבט אין מיין היים-סטעיט, און אום סעפטעמבער 21'סטן, בין איך באגייסטערט פאר דער וועלט צו קענען זעהן פאר זיך וויאזוי ניו יארקערס פירן דעם וועג און זענען משפיע אויף אנדערע מיט זייער גנאדיגקייט. און אזוי ווי מיר ריכטן אפ דער ענדע פון אונזער #BeKind21 קאמפיין, רופן מיר ווייטער אויף יעדן צו טוהן למעשה און זעהן אז גמילות חסדים זאל שטענדיג אנגיין. דער וועלט איז לעצטנס א שווערער, און צומאל שפירט זיך פאר פילע א פינצטערניש וואס מאכט שווער צו זעהן א שיין פון האפנונג. דעריבער לאמיר זיך אלע אונטערהייבן איינער דעם צווייטן, און אויפלייכטן די וועג אויף פאראויס מיט טוהן חסדים אין ניו יארק, און איבעראל."

לענדמארקס אויפגעלאכטן צו ווערן רעכענען אריין:

- גאווערנער מעריאו מ. קאומאו ברידזש
- קאסציאושקא ברידזש
- דער ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדיוקעשען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- דער 'פראנקלין ד. רוזוועלט' מיטל-הודסאן ברידזש
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאל עירפארט אריינגאנג

- דער לעיק פלעסיד אלימפיק דזשאמפינג קאמפלעקס
- MTA LIRR - איסט ענד געיטוועי ביי פען סטעישען

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן